## 92

ניו־יאָרק, 1914

איינציקע מאַדזשע,
זײַ מיר מוחל, וואָס איך האָב דיר אייניקע טעג נישט געשריבן. איך גיי אַרום מיט אַ פאַרדרייטן קאָפּ, ווייס נישט וואָס צו טון. בלײַבן, אָדער אַהיימקומען. דאָ קאָן מען אָן ספק זייער פיל אויפטון, אַ מיליאָן ייִדן אין איין שטאָט, און מען איז פרײַ, און די קינדער. פאַר די קינדער איז דאָ אַ גן־עדן, לערנען בחינם, און זיי ווערן מענטשן. און וואָס וועט פון זיי אין וואַרשע ווערן — פּאָליאַקן! איז אָבער די גאַנצע זאַך — איבערטראָגן זיך אין אַן אַנדער וועלט. אַ שאָד, וואָס דו ביזט נישטאָ, דו וואָלסט מיט איין מאָל געווען דערפילט אַלץ, דו דענקסט אַזוי קלאָר.
קיין נײַע געשעפטן האָב איך נישט געמאַכט. מען וויל קויפן פון מיר „יפתּחס טאָכטער", איז אָבער די שוישפּילערין אַזוי אַלט אַז דאָס האַרץ לאָזט מיך נישט. אַדלער[1] איז אַ גוטער שוישפּילער, איז ער אָבער אַן אַלטער גנב. בין איך אַזוי ווי אויף אַן עולם־התּוהו, ווייס ווירקלעך נישט וואָס צו מאַכן.
און אַז איך דערמאָן מיך וואַרשע, וואַרשע מיט זייערע קליינלעכקייטן, מיט זייער אָרעמקייט, וויל איך אַנטלויפן, אַנטלויפן פון זיי.
שרײַב מיר, איינציקע מאַדזשע, שרײַב מיר יעדן טאָג. איך קוש דיך.

דײַן שלום

## 93

ניו־יאָרק, [1914 (?)]

טײַערע מאַטל־לעבן,
איך קוש דיך פאַר דײַן בריוו. דו האָסט מיך מחיה געווען. אַז דו ווילסט, מאַדזשע־לעבן, אַז איך זאָל בעסער און איידעלער ווערן, מוזסטו מיר יעדן טאָג שרײַבן. אַז איך לייען דײַנס אַ בריוו ווער איך גוט דעם טאָג און פיל זיך ריינער און שענער. דו, מײַן שיינער חלום, דו מײַן איינציק, גרויס גליק.
דו ווייסט דאָך שוין, אַז איך האָב פאַרקויפט מײַן פּיעסע טאָמאַשעווסקין[1]. טויזנט דאָלאַר האָב איך באַלד באַקומען און איך קריג 25 דאָלאַר אַ וואָך צו לעבן. דערווײַל בין איך זייער פאַריאָגט מיט די פּראָבן אַזוי אַז איך האָב נישט קיין צײַט אַ בריוול צו שרײַבן. איך אַרבעט אַליין מיט זיי און איך מיין, אַז עס וועט אַרויסקומען זייער גוט.
אַלע רעדן מיר צו אַז איך זאָל דאָ בלײַבן און נאָך דיר שיקן. מיר דאַכט זיך אויך, אַז דאָ איז אונדזער אָרט, איך האָב דאָ אַ גרויס פעלד, נאָר איך קאָן זיך נאָך נישט דעציד ירן, ווײַל איך וויל דיך נישט רירן פון אָרט. אַמעריקע איז נישט אַזוי שלעכט ווי דו מיינסט. איך האָב דאָ זייער פיל גוטע פרײַנד, שיינע מענטשן. דאַכט זיך, אַז דו וועסט קאָנען גוט לעבן מיט זיי. אַלע האָבן דיך ליב, ווײַל זיי האָבן פיל געהערט פון דיר. איך ווייס נישט פון וואַנען, נאָר דו האָסט דאָ אַ גרעסערן נאָמען פון מיר.
איך קוש דיך.

דײַן שלום

## 94

ניו־יאָרק, 1916

מײַן טײַערע מאַטל־לעבן,
איך ווייס נישט וואָס איך זאָל טון. דײַן בריוו האָט מיך צעבראָכן. איך האָב געפילט אין אים דײַן גאַנצע נשמה. איך פאַרשטיי דיך. וואָס זאָל איך טון? מאַדזשוכנע, דיך איבערצוצײַגן אַז איך האָב קיינעם, קיינעם נישט ליב, און אַז איך האָב קיין מאָל קיינעם נישט ליב געהאַט, נאָר דיך, גאָט, דו באַדאַרפסט דאָס פילן! דו פילסט דאָך אַלץ אַרויס. און ווען עס טרעפט זיך אַ מאָל, אַז איך האָב אַ קליינלעכע, מאָמענטאַלע באַציִונג צו אַ צווייטער פרוי, איז דאָס נאָר אַן אויסדרוק פון מײַן טעמפּעראַמענט, פון מײַן קינסטלערישער שטימונג און האָט גאָרנישט צו טון מיט יענעם איינציקן, עכטן און אומשטערבלעכן געפיל, אָדער פאַרברידערונג, אָדער צוזאַמענגיסונג, וואָס איז צווישן אונדז ביידע, וואָס קיין קראַפט, קיין געשעעניש קאָן עס נישט צעשטערן. דאָס וואָס איז צווישן אונדז, וועט לעבן צווישן אונדז שטענדיק, שטענדיק, אַפילו נאָך אונדזער טויט.
די פּיעסע שפּילט מען שוין נישט, זי איז צו ליטעראַריש און מיטן „פאָרווערטס"[1] האָב איך צרות וועגן געלט־אָנגעלעגנהייטן. איך האָב געמיינט,

אַז איך וועל דאָ קאָנען פֿאַרדינען אַ סך געלט, איצט לאָזט זיך אויס אַז נישט.

יעדנפֿאַלס, אין דער צײַט פון דער מלחמה וועלן מיר זיך קאָנען אַן עצה געבן, צום לעבן וועל איך שטענדיק פֿאַרדינען.

איבעריקנס גיי איך אַרום איצט און קלער וועגן גרויסע אַרבעטן. און דו מוזסט מיר העלפֿן, און העלפֿן קאָנסטו מיר נאָר ווען דו ביזט נעבן מיר. בײַ דיר האָב איך די רויִקייט און די שטילקייט, וואָס איך באַדאַרף צו מײַן אַרבעט.

טײַערע, דו מוזסט איצט האָבן פיל זאָרג מיטן קינד. גאָט וועט אונדז העלפֿן, וועסט זען. רותן [2] וועט בעסער ווערן, און דו וועסט קומען צו מיר ווי אַמשנעלסטן. ביז דאַן וועל איך וואָרשײַנלעך אַרויספֿאָרן אויף אַ צוויי וואָכן אין דער פּראָווינץ, ווײַל עס איז מיר שרעקלעך דאָ טרויעריק אָן דיר.

איך אַרבעט איצט זייער פיל, איך אַרבעט אויף אַ זאַך, וואָס איך ליב זייער.

איך קוש דיך, איך בענק נאָך דיר, קום צו מיר ווי אַמשנעלסטן, מיט מײַנע קליינע, קליינע קינדער.

דײַן שלום

95

ניו־יאָרק, 1916

טײַערע מאַטל־לעבן,

געווען בײַ אַדלערן [1]. צוויי הארטע טעג געהאַט. ער האָט געקויפֿט מײַן שטיק, אויף זייער שלעכטע באַדינגונגען, נאָר איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל עס שפּילן. איך האָב נישט געוואָלט, ווידער צוליב געלט, אַוועקהרגע־נען אַ שטיק. ער צאָלט מיר אין גאַנצן 10 דאָלאַר פֿאַר אַן אָוונט שפּילן. איך האָב גאָרנישט געקוקט און אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט, ווײַל איך האָב געוואָלט אַז ער זאָל עס שפּילן. איך וועל נאָך האָבן גרויס „טראָבל" מיט שאָרן [2], ווײַל אין קאָנטראַקט האָב איך אײַנגעשריבן, אַז קיינער טאָר נישט שפּילן דאָס שטיק.

אַ טשעק האָב איך אַרויסגעקריגן פון אים אויף 300 דאָלאַר. דעם טשעק האָב איך גלײַך אַוועקגעשיקט אין „פֿאָרווערטס" [3] אַרײַן, אַז זיי זאָלן אים „קעשן". איך האָב מורא, אַז ער זאָל נישט געוואָר ווערן, אַז שאָר האָט



אַן עקזעמפּלאַר פון דעם שטיק, וועט ער „סטאָפּן" דעם טשעק. דו קענסט נישט אַדלערן.

איצט בין איך צוריק אַהיימגעקומען אַ טויטער פון אים. הײַנט האָב איך אַ ביסל געאַרבעט און וועל אַוודאי ענדע וואָך אַהיימקומען.

איך קוש דיך, מײַן טײַערע, און איך בענק נאָך דיר זייער און נאָך די קינדערלעך.

ביז הײַנט האָב איך פון דיר קיין בריוו נישט.

דײַן שלום

96

סיראַקוז, 1916

מײַן טײַערע מאַטל־לעבן,

איך בין הײַנט אָוונט אין סיראַקוז. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך איז דאָס רעדן נישט קיין גרינגע מלאכה, נאָר קיינעם קומט נישט אָן גרינג דאָס לעבן. איך וועל אָבער פיל לערנען פון דעם וועג, מיט דעם וואָס איך האָב צײַט אין וואַגאָן צו טראַכטן, צו לייענען, און אײַנצוזען ווי נאַריש איך לעב.

טײַערע מאַטל, מאַך דיר נישט קיין פֿאַרדרוס וואָס דו מוזסט צושליסן דאָס געוועלב. זאָל עס אַ כּפּרה גיין פֿאַר אונדזערע קינדער. ווען עס וואָלט זיך געלוינט, וואָלט אַנדערש געווען. אי נאַריש זיך מאַכן, אי גאָרנישט האָבן דערפֿון, טאָ זײַ ליבער אין דער היים מיט די קינדערלעך און זע רות [1], אונדזער רות, זאָל געזונט ווערן.

שיק מיר אַרויס דעם——— גיי אַרײַן אין אַ בוך־געשעפֿט אָדער צום „פֿאָרווערטס" [2] און זע אַרויסצוקריגן פון זיי די קאָרעקטן פון מײַנע דרײַ ביכער: „שלמה נגיד", „אירע יונגע יאָרן" און דער עיקר „בלעטער", שיק מיר אַלץ אַרײַן, איך באַדאַרף עס זייער.

איך קוש דיך.

דײַן שלום

וויניפּעג, [1916/17]

מײַן טײַערע מאַדזשע־לעבן,
דײַנע צוויי בריוו דערהאַלטן נעכטן. מיטוואָך אָוונט בין איך אָנגעקומען קיין וויניפּעג, נאָך 15 שעה פֿאָרן אין באַן. דאָ איז הײַנט 30 גראַד פראָסט, דאָך פילט מען נישט אַזוי די קעלט, ווײַל די קעלט איז אַ טרוקענע. איך וועל דאָ שטיין ביז זונטיק, דאַן פֿאָר איך ווײַטער.
אין מינעאַפּאָליס האָב איך געפונען אַ משפחה פון לוויוויטש, בײַ וועלכע איך בין געשטאַנען. דאָס ווײַבל האָט אויסגעהאָפטן אַ ייִדיש הייבל פאַר דיר און איך האָב עס דיר אַרײַנגעשיקט.
איך בין שוין מיד פון פֿאָרן און וואָלט שוין געוואָלט אַהיימקומען. זייער שווער איז צו רעדן יעדן אָוונט און נאָך מער אַז מען באַדאַרף דערצו שרײַבן. אוי, דאָס שרײַבן איז מיר שוין אַזוי פאַרמיאוסט געוואָרן, ווי איך טו עס איצטער. שטעל דיר פֿאָר, גאָט האָט מיר געשאָנקען טאַלאַנט, טו איך דאָס, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן, וויל האָבן דערפון גרויס הנאה און פאַרגעניגן, און איך האָב אָבער פון דעם געמאַכט אַ מלאכה — אַ שווערע אַרבעט, פון וועלכער עס איז מיר מיאוס. איז דאָס נישט דאָס גרעסטע פאַרברעכן און אומרעכט פון מײַן זײַט? ניין, מאַדזשע, איך האָב באַשטימט פּאָזיטיוו, אַז איך וועל אַהיימקומען וועל איך זיך גאַנץ אַנדערש פירן. פון „פאָרווערטס״ [1] וועל איך נישט אַוועקגיין, נאָר איך וועל באַיין־אופן נישט שרײַבן דעמאָלט, ווען איך קאָן נישט און וויל נישט, און נישט אויף דער וואָך. וועלן זיי דאָס וועלן, איז גוט, אַז נישט — וועלן מיר זיך מוזן אַן עצה געבן. גלײַכער הונגערן, גלײַכער אַלצדינג, און נישט אַ תּל מאַכן פון גאָטס געשאַנק.
און פאַרגעס נישט, מאַדזשע, אַז די גאַנצע יוגנט קוקט אויף מיר ווי אויף דעם שטעלפאַרטרעטער פון פּרצן [2]. און איצט נאָך דעם טויט פון מענדעלען [3] — האַלטן זיי מיך אַלס דעם איינציקן, וועלכער פאַרטרעט די ייִדישע ליטעראַטור. מען מוז דאָס ווערט זײַן, מאַדזשע, און מען דאַרף עפּעס קאָנען דערפאַר אָפּפערן אויך. און איך פיל, אַז אויב איך וועל אַזוי שרײַבן ווי איך האָב ביז איצט געשריבן, אויף דער וואָך, וועל איך אונטערגיין, וועל איך ווערן אַ ייִדישער ראָמאַנען־שרײַבער און אפשר אַ שונד־שרײַבער אויך. און פאַרקערט, אַז איך זאָל זיך באַפרײַען און ווערן צוריק דער פרײַער קינסטלער וואָס איך בין שטענדיק געווען, וואָלט זיך מײַן פאַנטאַזיע און מײַן קראַפט און מײַן באַגײַסטערונג פונאַנדערגעבליט.
און שליסלער איז עס דאָך נישט אויף לאַנג — די מלחמה וועט דאָך נישט



אייביק דויערן, און איך האָב פאַר מיר אַזאַ צוקונפט, מאַדזשע, מען דאַרף עס ווערט זײַן, מען מוז זיך עס קאָנען פאַרדינען.
און דו זאָלסט זען, מיט וואָס פאַר אַ באַגײַסטערונג זיי נעמען מיר אויף, ווי מען קוקט אויף מיר, און ווי די יונגעלײַט גלייבן אין מיר — וואָלסטו געווען געזען וויפל איך בין זיי שולדיק.
נאָר גענוג וועגן מיר. איך בעט דיך, נעם דיר נישט צום האַרצן די ביזנעס, דערליידיק דאָס ווי אַמשנעלסטן. די אַלטע זאַכן וואָס האָבן אַ ווערט, נעם אַהיים, אפשר וועלן מיר דאָס קאָנען פאַרקויפן שפּעטער. געוויס וואָלט גוט געווען ווען מיר קאָנען עס פאַרקויפן און מיט דער רײַזע וואָס איך מאַך איצט זאָלן מיר האָבן אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר — און דערפאַר דעם זומער אַדורכלעבן רויִק. הלוואי וואָלט זיך ווער געטראָפן, וואָס וואָלט עס איבערגענומען. אַז נישט, וועלן מיר זיך אויך מוזן אַן עצה געבן. די אַלטע זאַכן נעם אַהיים און די חובות וועלן מיר איינציקווײַז אויסצאָלן.
איך קוש דיך און בענק נאָך דיר. קוש די קינדער.

דײַן שלום

99
## צום זון נתן [1]

ניו־יאָרק, [1917/18]

מײַן טײַערער זון נתן,
איך האָב דיר שוין לאַנג געוואָלט שרײַבן, נאָר איך האָב נישט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך. דאָס איז מײַן טראַגעדיע אַז איך קאָן זיך נישט אַדורכשרײַבן מיט מײַן זון אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער איך רעד צו מײַן פאָלק. ענגליש קען איך נישט און ייִדיש קענסטו נישט. האָב איך באַשטימט, אַז ביז דו וועסט קאָנען ייִדיש שרײַבן, און איך ענגליש, וועל איך דיר שרײַבן ייִדיש, און דו שרײַב מיר ענגליש. איך וועל מיר לאָזן דײַנע בריוו לייענען פון דער מאַמע, און דו אַוודאי פון אַ פרײַנד.
איך בין זייער גליקלעך וואָס דו לערנסט זיך און פילסט זיך גײַסטיק גוט. דאָס גיט מיר מער מוט און האָפענונג. איך קאָן דיר נישט אויסשרײַבן וויפל טרויער, יאוש און פאַרצווייפלונג דו האָסט אָנגעוואָרפן אויף מיר

מיט דײַן פירן זיך דאָס לעצטע יאָר. נאָר איצט איז שוין אַלץ פאַרגעסן, און איך פיל זיך דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט אַז דו לערנסט זיך.

ד״ר גינצבורג [2] זאָגט מיר, אַז דו האָסט אים געשריבן אַ בריוו. ד״ר גינצבורג מיינט, אַז דו וואַקסט אַ שרײַבער, און דו וועסט מיר מאַכן קאָנקורענץ. ער ווייס גאָר נישט צי דו האָסט אַזויפיל טאַלאַנט (אַזוי זאָגט ד״ר גינצבורג) ווי איך, נאָר געלט (זאָגט ער) וועסטו געוויס מער פאַרדינען מיט דײַן שרײַבן ווי איך.

בײַ אונדז איז איצט אַ זייער ביטערע צײַט. איך האָב פאַריקן חודש אָפּגעגעבן ד״ר גינצבורג די 200 דאָלאַר, וואָס איך האָב געהאַט געבאָרגט פאַר דיר און אויך געדאַרפט באַצאָלן 200 דאָלאַר פאַר משהן [3] אין האָספּיטאַל, און דאָס אַלץ פון מײַנע קלאָגעדיקע „ווערידזשעס״, וואָס איך האָב אין „פאָרווערטס״ [4]. דאָך וועלן מיר אַלץ זען צו טון דיר צו שטיצן, און דו זאָלסט זיך לערנען.

איך אַרבעט איצט אויף אַ נײַע זאַך פון אַן עפּאָכע, אין וועלכער דו ביזט זייער פאַראינטערעסירט, פון דער צײַט פון רענעסאַנס אין רוים, און אויך פון דעם לעבן, אין וועלכן דו ביזט אינטערעסירט, פון דעם לעבן פון אַ קורטיזאַנע.

פון מײַן נײַער דראַמע, וואָס איך האָב פאַרענדיקט, בין איך זייער צופרידן, נאָר איך גלייב נישט אַז איך האָב אַ מעגלעכקייט זי אויפצופירן אין אַמעריקע, נישט אין ייִדישן, נישט אין ענגלישן טעאַטער. דאָס שטיק איז זייער קאָמפּליצירט פאַר דער אַמעריקאַנער בינע.

איך גריס דיך און קוש דיך.

דײַן פאָטער שלום

## 100

נעבראַסקאַ, 1918

מײַן טײַערע מאַדזשע,

איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און געקלערט וועגן דער שותפות, עפּעס אַ מין יצר־הרע די ביזנעס. אַזוי ווי איך האָב דיר טעלעגראַפירט, האָב איך מורא פאַר שותפות און נאָך מער פאַרן נאָמען. מיר קאָנען געלט פאַרלירן, אָבער מיר טאָרן נישט מאַכן ביזנעס מיטן נאָמען. איך גלייב, אַז



ווען מיר זאָלן קריגן אַ פּעיִקן ביזנעס־מאַן, דערבײַ אויך אַן אידעאַליסט — וואָלט איך יאָ אײַנגעגאַנגען אויף אַ שותפות. קרעטשמערן [1] טרוי איך נישט, און סטאַווסקין [2] קען איך נישט גוט אין אַמעריקע.

זיי ווילן אַרײַנגיין מיט אונדז אין שותפות, גוט. ווער? סטאַווסקי, אָדער קרעטשמער, אָדער ביידע ווי איין טייל, און מיר ווי די צווייטע טייל? דאַן גלייב איך אַזוי, האָרך אויס מאַדזשע:

מען זאָל נעמען אַ צוויי, דרײַ טויזנט דאָלאַר און מאַכן אַ גרויסן פאַרלאַג פון בילדער. דאָס גאַנצע געלט אַרײַנלייגן אין דער פּראָדוקציע פון ייִדישע בילדער, גוט רעקלאַמירן אַז מיר שיקן אַרויס די ביכער צו פּריוואַטע מענטשן, דרוקן אַ קאַטאַלאָג מיט קליינע קאָפּיעס — קאָן זיך דאָס מיט דער צײַט אַנטוויקלען אין אַ גרויס געשעפט. און עס קאָן זײַן, אַז מיר וואָלטן יאָ געדאַרפט אײַנגיין אויף אַזאַ שותפות מיט סטאַווסקין און קרעטשמערן. דאַן אָבער זענען מײַנע באַדינגונגען פאַר דער שותפות פאָלגנדיקע:

1) זיי באַדאַרפן אַרײַנלייגן אין געשעפט אַרײַן צוויי טויזנט דאָלאַר;
2) דאָס געלט מוז גיין אויסשליסלעך פאַר די ביזנעס, אויף רעפּראָדוצירן בילדער, אויף דרוק־זאַכן, אויף רעקלאַמעס אאַז״וו;
3) סטאַווסקי און קרעטשמער איין טייל, דו די צווייטע טייל;
4) קיינער נעמט נישט קיין געהאַלט ביז דאָס געשעפט טראָגט נישט קיין פאַרדינסטן, דאָס הייסט, עס דאַרף צוערשט דעקן אַלע הוצאות.
5) סטאַווסקי פאַרפליכטעט זיך צו אַרבעטן אין געשעפט, שרײַבן בריוו, פירן ביכער, צונויפשטעלן קאַטאַלאָגן, שרײַבן רעקלאַמעס, אַרײַנגעבן נאָטיצן אין די צײַטונגען אאַז״וו. דאָס זעלבע קרעטשמער;
6) דײַן אָנטייל באַשטייט אין דעם, וואָס דו וועסט אויסקלײַבן די בילדער פאַר פּראָדוקציע, אײַנאָרדענען אויסשטעלונגען, זײַן די דירעקטאָרין פאַר דער קינסטלערישער זײַט פון די ביזנעס;
7) דײַן בילד טאָר נישט ווערן אויסגעשטעלט, אָדער פּראָדוצירט. קיין זאַך טאָר נישט ווערן אַרײַנגענומען אין געשעפט צו פאַרקויפן אָן דײַן הסכּמה;
8) ווען דאָס געשעפט הייבט אָן טראָגן פּרנסה, קריגסטו געהאַלט, אַזוי־פיל ווי דער צווייטער טייל;
9) דאָס געשעפט טראָגט דעם נאָמען ווי ביז איצט, און גייט אונטער דער זעלבער פירמע;
10) דער אָפּמאַך איז צײַטווײַליק, ביז איך וועל אַהיימקומען. אַז איך וועל אַהיימקומען, קאָנען מיר ענדערן די באַדינגונגען, אָדער מיר קאָנען זיך אין גאַנצן ליקווידירן;